STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03523

OFT ZINGT ZIKH

Yosef Holder

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף האָלדער

אָפּט זינגט זיך

לידער

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHÈQUE PUBLIQUE JUIVE
MONTRÉAL
ייִדישע פאָלקס ביבליאָטעק
הספריה היהודית העממית

פאַרלאַג „מולט עש יעווע" בודאַפּעשט

תרפ"ט ווילנע 1928

PRINTED IN POLAND

מײַן בוך איז געווידמעט מײַן
אמתן פֿרײַנד יוסף סאַפּיר

Często Śpiewają, Wiersze J. Holdera.

דרוקערײַ ב. ציִנסאָן און קאָמפּ. ווילנע, טראָקער 13.
Drukarnia B. Cjonson i S-ka, Wilna, Trocka 13.

איִנהאַלט.

אָפּט זינגט זיך — 5
די אײזערנע באַנד — 6
און גײסטו פֿאַרבײ — 7
די בלימלעך די יונגע — 8
אָװנט־װינט — 9
דאָס זײַנען די גערטנער — 10
מיר זינגט זיך הײַנט אַ לידל — 11
און אָפּטמאָל באַגעגנסטו מענטשן — 11
אַ סאָסנע — 12
װײַסע לידער — 13
פֿלאַמען — 14
דער װינט — 15
ס'איז קײן חילוק ניט — 16
דאָס לעבן הײסט — 18
אַלײן אין דער נאַכט — 19
האַרבסט־װינט — 21
האַרבסט — 22
איך זע — 25
אַלע װאַסערן זײַנען פֿאַרגליװערט — 26
מײַן קראַנקנבעט — 27
שבֿועות־צװײַגעלעך — 28
שבֿועות — 30
ס'איז אַמאָל געװען אין אָװנט — 31
מיר זײַנען צװײ װײַסע נשמות — 32
ראש־השנה תּר״פּ — 33
אונטער די בערג — 34
רױזן־טרער — 35
מיר גײען אין װאַלד — 36
אין פּאַרק — 39
אױס חתונה — 41
מײַן שבֿועות־ליד — 42
קריאת־שמע — 44
דײַן נאָמען — 46
אין די גערטנער פֿון די קושן — 48
װאָס גײט מיך אָן — 49
אַ מיליאָן יאָרן ביסטו װײַט פֿון מיר — 50
צו אַ שװאַרץ מײדל — 52
דו זאָגסט — 55
עס איז געװען אַ טײַך מײַן זעל — 56
און זײַנען דיר הײליק די די לידער — 57
אין סאָסנעװאַלד — 58
אין טיפֿער, טיפֿער נאַכט — 60
און פֿאָרט איז מיר בעסער — 61
און אָפּטמאָל מיר גײען צוזאַמען — 61
סאָנעטן — 62
איך גלײב ניט — 64
און דאָס, װאָס האָסט אײנמאָל פֿאַרדאָרבן — 66
איך פֿיל ניט — 68
דו ביסט געװען אַ בלום — 69
טרערן — 72
צוריק — 76
מײַן נײַ געצעלט — 78
איצט הײסט עס — 80

אָפט זינגט זיך אַ טרייסטנדיק לידל
און תּיכּף צעגייט זיך דאָס ליד;
קוים הייבט אָן אַ בלימעלע שפּראָצן —
דער ווינט באַלד צעשטויבט שוין זיין בליט.

און לויפט נאָך דאָס האַרץ נאָך דעם לידל —
ס'איז ווייט און דערגרייכסט עס שוין קוים,
פון ווייטן נאָר פּאָכעט זיין פליגל
און ווייסלט די לופט ווי אַ טרוים...

די אַייזערנע באַנד

צווישן אונז צוויי האָט אַ באַנד זיך געוועבט,
פון אַייזערנע פעדים געשפינט,
עס קאָן ניט קיין שטורעם צערייסן די באַנד,
עס קאָן ניט דער בייז-ווילדסטער ווינט.

און גיי איך זיך רעכטס, כאָטש גייסטו זיך לינקס,
שטאַרק בלייבט די באַנד, אַייזן און שטאָל,
זי שמעלצט זיך אין פייער פון ליבע און האַס,
צערייסן פאָרט ווערט זי קיינמאָל.

און פרוּוון אָפט מיר צערייסן די באַנד,
דאַן ווערט זי נאָך שטאַרקער ווי ז׳איז,
טוט זיך אַ ריר קוים איינער פון אונז,
אין האַרץ פילט דער צווייטער אַ ריס.

איך טראָג זי אין האַרץ אַ הייליקייט אום,
דו שלעפסט זי אַרום אויף דער גאַס,
דו זעסט ניט — ס׳איז אַיינגעוויקלט אין איר
פיל נעכט און פון טרערן ז׳איז נאַס.

איך פיל יעדעסמאָל אַ ריס אין מיין האַרץ,
דו ציסט גאָר די באַנד מיט דער האַנט,
דו האָסט זיך מיין האַרץ אַ שפילצייג געמאַכט,
אַ שפילצייג געמאַכט זיך די באַנד.

שפילסט אַזוי לאַנג זיך אַרום מיט די צוויי,
ביז איינמאָל דערביטערט פון שמאַרץ,
מיט כעס איך טו אַ ריס מיט דער באַנד,
גיב אַכטונג, ס׳רייסט מיט דיין גאַנץ האַרץ!

* *

*

און גײַסטער פֿאַרבײַ פֿאַר דעם פֿענסטער,
ווען איך זיץ זיך אַליין אין קאַפּעהויז,
איך זע מער ניט ווי דײַן קאָפּ נאָר אַרויס,
מיר דאַכט זיך, איך זע איצט מײַן חלום,
זיך וויגן אויפֿן ים־ס ווײַטן שויס,
איך זע ווי ער שווימט אַוועק ווײַט.

איך לויף נאָך מײַן חלום אים רעטן,
כ'קום צו דיר צו, קוים כ'האָב דיך דערגרייכט,
און פּלוצלונג איך פֿיל, מיר ווערט אַזוי לײַכט,
מיר דאַכט זיך, איך זע איצט מײַן חלום,
ווי אַ פּאַראָס פֿלאַקערט און לײַכט,
אויפֿן ווײַט־ברייטן ים פֿון דער צײַט.

די בלימלעך די יונגע

די בלימלעך די יונגע, די בלימלעך די קליינע
זיי זיינען מיר הייליק און ליב,
זיי זיינען די זעלן די ווייסע, די ריינע,
זיי טרייסטן מיך, ווען איך בין טריב.

איך ליב זיי די בלימלעך אין זומער־פרימאָרגנס,
ווען העל איז און קלאָר איז די לופט,
און וויל אָפט מיין טאָג זיך אין וואָלקנס דערשטיקן,
דערקוויקט מיך, דערפרישט זייער דופט.

און בין איך פארבלאָנדזשעט אויף וויטסטע די וועגן,
מיין קערפער איז שוואך שוין און מיד —
איך זוך אויף די פעלדער, דאָרט ווייט פון די מענטשן,
איך זוך וואו א בלימעלע בליט.

און אַלע די שמאַרצן, פון מענטשן פאַרהוילן,
וואָס טיף זיי אין האַרצן איך טראָג,
אין בלויע פאַרנאַכטן איך ליב זיי די בלימלעך,
זיי אַלע די שמאַרצן איך זאָג.

און קומט דאַן די נאַכט אָן, לבנה און שטערן —
איך ליב זיי די בלימלעך נאָך מער,
און זעסטו פרימאָרגנס אַ בלימעלע לאַכן —
דאָס לאַכט דאָרט אין אויג זיינס מיין טרער...

1919

אָונט-ווינט

I

געקומען איז ווידער דער נעכטיקער ווינט,
וואָס האָט אָונט געגלעט דיינע האָר,
און אַצינד קומט די נאַכט, די נאַכט קומט אַצינד,
און אַ טאָג קומט, אוי, לאַנג ווי אַ יאָר.

עס צירט זיך דער הימל אין פורפורנעם גלאַנץ,
דער גלאָק שפּאַלט די לופט שוין און קלינגט,
געוועלקט נאָך אַ בלימל פון גאָלדענעם קראַנץ
און טרויריק אַ פויגל זיך זינגט.

דעם קראַנץ כ'האָב געשפּונען פון זונענשיין, גליק,
געזאַלבט אים מיט בלוט פון מיין האַרץ,
פאַרלאָשן דער שיין, געלאָזט מיר צוריק
פאַרן עתיד אַ פינטעלע שוואַרץ...

II

איך קוק אין די ברונעס פון עבר
און איך זע זיך מיין צורה דאָרט אָן,
דער אָונט-ווינט ברענגט מיר צו טראָגן
אַ דופט פון פאַרגאַנגענע שעהן.

איך דערמאָן זיך אַ דערפל אַ קליינטשיקס,
מיט ברונעס, מיט ברונעס אָן שיעור,
געל - בלייך האָט געשיינט די לבנה,
דאָס וואַסער געלאַכט האָט צו מיר.

דאָס וואַסער געלאַכט האָט שטיל - טרויריק,
געשפּיגלט זיך זעלן דאָרט צוויי,
דער אָונט-ווינט אָט איז אוועק שוין,
וואָס ווייטער... איך ווייס ניט, פאַרביי.

דאָס זײַנען די גערטנער...

דאָס זײַנען די גערטנער די אַלטע,
וואָס האָבן אַמאָל שײן געבליט,
און איצט יעדער בוים איז אַ האַרפּע,
וואָס שפּילט זיך אַ טרויריק, אַלט ליד.

און דאָס איז מײַן ליבע די אַלטע,
וואָס האָט אויך אַמאָל דאָ געבליט.
איצט ליגט שטום זי צווישן די בלעטער,
פֿאַרוועלקט שוין און האָרכט צו דאָס ליד.

און אָפט ווען אַ ווינט זיך צעבײַזערט,
די קופּעס פֿון בלעטער דורכווילט,
דערוואַכט זיך די ליבע די אַלטע,
די האַרפּע נאָך טרויריקער שפּילט...

* *
*

מיר זינגט זיך היינט אַ לידל,
איך ווייס ניט וואָס און ווען,
איך נעם אַרויס מיין פידל
און שפּיל זיך וואָס איך קען.

איך שפּיל זיך אויף מיין פידל
אַ ליד, וואָס לאַנג איך קען,
און פרעגט זיך אויף דעם לידל—
איך ווייס ניט וואָס און ווען.

* *
*

און אָפטמאָל באַגעגנסטו מענטשן,
וואָס האָסט זיי ניט קיינמאָל געקענט,
דו קוקסט זיי נאָר טיף אין די אויגן
און ווערסט אַזש פאַר ליבשאַפט פאַרברענט.

און אָפטמאָל דערקענסטו די מענטשן
און זוכסט נאָכן שטילן מאָמענט,
זאָלסט קאָנען דיין האַרץ זיי אויסגיסן
און פאַלן-צו קושן די הענט...

אַ סאָסנע

עס שטייט זיך אַ סאָסנע גאַנץ איינזאַם אין גאָרטן,
און שאָקלט אין ווינט זיך און פרירט,
י קוקט אָן מיט קנאה דעם ריזיקן קלויסטער,
וואָס בייגט ניט אין ווינט זיך, ניט רירט.

און קוקט זיך דער קלויסטער גאָר אָן אָט די סאָסנע,
אין האַרצן טיף פילט ער אַ נייד;
וואָלט איינמאָל דער ווינט אים געטאָן נאָר אַ טרייסל,
ר'וואָלט תּיכּף זיך איבערגעדרייט.

אָט איז עס דער מענטש אויך, וואָס לויפט אין דעם ווינט אום,
ער יאָגט אים אַהין און אַהער,
און ער איז מקנא דעם צווייטן, דעם „שטאַרקן"
און נעמט ניט אַרויס זיך די לער:

אַז גליקלעך איז דער, וואָס קאָן בייגן אין ווינט זיך,
אים רייסט קיין שום וויכער ניט אויס,
טוט אָבער דער ווינט נאָר אַ ריר מיט דעם „שטאַרקן",
זיין סוף איז אומענדלעך און גרויס.

מאַראַמאַראָש-סיגעט 1922.

ווייסע לידער

דער בוים דאָ פאַר מיין פענסטער
שעפטשעט ווייסע לידער.
זיי האָט ער נאָך אין פרילינג
געלערנט פון דעם פלידער.

ער זינגט זיי אָפּ ביז יעשען,
ביז עס קומט זיך ווינטער,
דאַן קנאַקט דער שניי זיי ווייטער,
אַז עס טראָגט אַזש אונטער.

דאַן קומט אַ פרישער פרילינג,
פריילעכער גן־עדן!
אַ יונגער פלידער זינגט זיך
לידער פון זיין זיידן...

דער בוים דאָ פאַר מיין פענסטער
איז זיך גאָר מחייה,
ער לערנט פריש די לידער,
ר׳מיינט דאָס זיינען נייע...

קלויזנבורג 1922.

פלאַמען

זלמן רייזענען,
דעם יידישן קולטור־העלד

פלאַמען רויטע, פלאַמען בלויע,
צינדט אָן אַלע האַרצער,
זייט איר רויטע, זייט איר בלויע,
איז די נאַכט נאָך שוואַרצער.

פלאַמען העלע, פלאַמען זיסע,
קוים די נאַכט אַריבער,
זייט איר העלע, זייט איר זיסע,
איז דער טאָג נאָך טריבער.

פלאַמען יונגע, פלאַמען נייע,
טאָג און נאַכט זיך שלאָגן,
זייט איר יונגע, זייט איר נייע,
הייבט עס אָן צו טאָגן.

דער ווינט

מיין קינד, האָב ניט מורא, דער הימל איז פינסטער,
עס הילעכט און יאָמערט דער ווינט,
ער קומט פון פאַרצייטנס, פון טויזנטער יאָרן,
און דיר ברענגט ער נייעס מיין קינד.

צייט טויזנטער יאָרן שוין קומט ער און גייט ער,
וויינט בלוטיקע טרערן דער ווינט,
און תמיד וואַשט אָפּ ער מיט בלוטיקן וואַסער
דעם שמוץ פון די צייטן, מיין קינד.

ס'איז קיין חילוק ניט.

מיין טייערן חבר יעקב מעסטעל
מיטן גאַנצן האַרצן

אויב איך זינג פון לעבן, אויב איך זינג פון טויט,
אויב איך זינג פון הונגער, אויב איך זינג פון ברויט,
אויב איך זינג פון וואַסער, אויב איך זינג פון בלוט—
ס'איז קיין חילוק ניט.

אויב איך זינג פון פייער, אויב איך זינג פון ים,
אויב איך זינג פון זיסקייט, אויב איך זינג פון סם,
אויב איך זינג פון אויפבוי, אויב פון דעם צעשיט—
ס'איז קיין חילוק ניט.

אויב איך זינג פון הימל, אויב איך זינג פון ערד,
אויב איך זינג פון מענטשן, אויב איך זינג פון פערד,
אויב איך זינג פון אַקער, אויב איך זינג פון שניט—
ס'איז קיין חילוק ניט.

אויב איך זינג פון פייגל, אויב איך זינג פון שלענג,
אויב איך זינג פון תענוג, אויב איך זינג פון קרענק,
אויב איך זינג פון וועלקן, אויב איך זינג פון צוויט—
ס'איז קיין חילוק ניט.

אויב איך זינג פון וויגל, אויב איך זינג פון גרוב,
אויב איך זינג פון קערקער, אויב איך זינג פון שטוב,
אויב איך זינג פון חסד, אָדער פון דער ריט—
ס' איז קיין חילוק ניט.

אויב איך זינג פון ליבע, אויב איך זינג פון האַס,
אויב איך זינג פון ערנסט, אויב איך זינג פון שפּאַס,
אויב איך זינג דעם אָנהייב, דעם סוף אָדער די מיט—
ס'איז קיין חילוק ניט.

דער עיקר איז נאָר זינגען, זינגען זינג און זאַנג,
אַלץ איז בלויז אַ רינג נאָר, אין קייט פון אונטערגאַנג,
אָפּטמאָל דרייט זי גיך זיך, אָפּטמאָל שריט ביי שריט —
ס'איז קיין חילוק ניט.

דאָס לעבן הייסט

דאָס לעבן הייסט: ליב אַ סך,
און ליבע איז דאָך ביטער זער,
דיין האַרץ פאַרברענט און פאָלגן פאָלג,
און ליב נאָך, ליב נאָך מער.

דאָס לעבן הייסט: וויל אַ סך,
צעשפּרינגען זאָל געהירן און האַרץ,
די ליפּן בייס, מיט ליב נעם אָן,
די יסורים און דעם שמאַרץ.

דאָס לעבן הייסט: שטיל זיין, שטיל
און קוקן צו דעם הימל אַרויף,
און בעת דו וואַרטסט אַ פריידנשטראַל,
קומט דער טויט און זאָגט: אַ סוף!

אַליין אין דער נאַכט

צו גיין אין דער נאַכט, אוי, אַליין אין די גאַסן,
אַליין און פאַרטראַכט,
אין שיין פון לבנה, דעם בלייכן, דעם בלאַסן.

צו הערכן פון ווייטן דאָרט רוישן אַ וואָגן,
און דאָ אין דער נאָנט
צו הערן דאָס אייגענע האַרץ, וואָס טוט שלאָגן.

צו האַלזן און קושן די קאַלט בלייכע מויערן
מיט וואַרעמע בליקן,
מיט ליבע באַגיסן די שטיינער, וואָס טרויערן.

צו ווייזן דעם וועג פאַר די מענטשן וואָס פרעגן,
און זיי ניט וויסן,
אויב גייען זיי טויט אָדער לעבן אַקעגן.

צו דאָרשטן אַרויף צו דעם הימל, צום בלויען,
און דאָ אויף דער ערד
כאַפּן אַ שמועס מיט געפאַלענע פרויען.

צו כאַפּן אַ שמועס מיט געפאַלענע פרויען,
בלומען פאַרוועלקטע,
פון חורבות פאַרגעסענע לופטשלעסער בויען.

אוי, קענסטו דעם אומעט, דעם טרויריקן, שטילן,
די ווייך - שטילע נאַכט,
אין הערצן דיינס שלאָגן זיך מיליאָנען געפילן.

דער הימל איז גליטשיק, די שטערן זיי פאַלן,
דאָס האַרץ אַזוי יאָגט,
עס קומען פון אויבן ווי שטומע סיגנאַלן.

שטיל קוקן לאַמטערנעס פאַרטרוימט אין די אויגן,
קאַלט איז דאָס פייער,
און גליאיק די ווינטלעך וואָס קומען געפלויגן.

אוי, קענסטו די נאַכט, די טויט-בלייכע גאַסן,
דאָס האַרץ זיך צעגייט,
עס וויל זיך דאָרט שטאַרבן אין שיין אין דעם בלאַסן.

.1917

האַרבסט־ווינט.

אין דרויסן בלאָזט אַ האַרבסט - ווינט,
אין מיין האַרצן אויך,
עס וועלקט דער בוים פון האָפנונג,
פון דעם ווינט זיין הויך.

פאַרוועלקטע בלעטער פאַלן,
וואו איך גיי און שטיי,
איך טרייסט זיך, באַלד קומט ווינטער,
דעקט זיי צו מיט שניי.

האַרבסט.

אָפּגעגעסן מיטאָמאָל און אַרויסגעגאַנגען אין שטאָטוועלדל
שפּאַצירן מיט מיין פריינד.
זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק,
אין שאָטן פון אַ בוים.
צווישן די צווייגן האָט אַ שטיל ווינטל געפּייפט
אַ שטיל טרויריק האַרבסטלידל.
און איינציקווייז זיינען געפאַלן וועלקע בלעטער
אַראָפּ אויף דער ערד.
ס'איז האַרבסט — האָט מיין פריינד געזאָגט —
די בלעטער וועלקן — האָב איך אָפּגעענטפערט —
און דער ווינט האָט זיך ווייטער געפּייפט
זיין שטיל טרויריק לידל.
די זון האָט געשיינט דורך די צווייגן
און באַלויכטן די פאַרוויאַניעטע בלעטער
ווי דאָס פּנים פון אַ ליבן מת.
אוי, אַלטע, פאַרוועלקטע ליבע — האָבן מיר ביידע
אויפאַמאָל געלאַכט און געזיפצט.
איך האָב מיט מיין שפּאַצירשטעקל געפאָכעט
אין דער לופט און אָנגעהויבן זינגען
אַן אַלט לוסטיק לידל.
איך האָב געזונגען און געפּייפט.
מיין פריינד האָט אַ קוק געטאָן אויפן זייגער.
— ס'איז האַלב דריי, מיר מוזן שוין גיין.
גייענדיק האָב איך נאָך תּמיד געפאָכעט
מיט מיין שפּאַצירשטעקל און געזונגען
מיין אַלט לוסטיק לידל.

אונטער די גוססדיקע אַקאַציעס.

אָט אָ דאָ באַשאַף איך זיך מיין וועלט.
אָט אָ דאָ אונטער די גוססדיקע האַרבסט־אַקאַציעס,
אויפן ברעג פון דונאַי
אין האַלב זון אין האַלב שאָטן.
אַליין. גאַנץ אַליין.
קיינער העלפט מיר ניט אונטער.
פונקט אַזוי ווי גאָט האָט עס געטאָן
אין „ששת ימי בראשית.“
אָבער דיין וועלט איז אַ מיאוסע,
אַ פאַרכמורעטע.
ניין און ניינציק חלקים שאָטן
און איין חלק זון.
און מיין וועלט איז אַ שיינע,
האַלב זון און האַלב שאָטן.
גאַנץ גענוי אויסגערעכנט.
אויף אַ האָר.
האַלב זון און האַלב שאָטן.
איך לייג צו אַ ציגל צו אַ ציגל.
איין ציגל זון און איין ציגל שאָטן.
און איינער טאָר ניט זיין גרעסער פאַרן
אַנדערן.
טאָמער הייבן זיי אָן זיך שלאָגן
און איינער וויל אונטערדריקן דעם צווייטן,
טו איך אַ געשריי:
איך בין קיין גאָט ניט,
ביי מיר גייט דאָס ניט.
נאָר האַלב זון און האַלב שאָטן.
און איז זי דערפאַרטיקט,
לאָז איך זי טאָן אַ פלי אַרויס
ווי אַ שוואַרץ־ווייסן פויגל

אויפן וואַסער-שפּיגל פון דונאַי,
און זעט! זי שווימט דאָרט
ווי אַ וואונדער-שיף,
וואָס איר הייצט אונטער אַ קעסל פון
פלייש און בלוט:
מיין האַרץ איז עס.
זי קלאַפּט מיט די פליגל
און פּליעסקעט אין וואַסער;
קומט מענטשן, לאָזט איבער גאָטס וועלט,
די מיאוסע, די פאַרכמורעטע,
קליאַ-קליאַ-קליאַ-קליאַטש
האַלב זון, האַלב שאָטן,
האַלב זון, האַלב שאָטן,
און זי פּילט זיך אָן מיט פאַרשיידענע
מענטשן און חיות
ווי נוחס תּיבה
און שווימט אין אַרומיקן תּוהו-ובוהו,
שווימט אַוועק ווייט.
און איז זי שוין העט ווייט,
עפנט זיך אויף אַ פענסטערל
און אַ טויב שטעקט אַרויס איר קאָפּ,
שאָקלט: ניין, ניין און קערט זיך אום.
און אויף איר פּלאַץ באַווייזט זיך אַ לֵצל
מיט קעלבערנע פּיסלעך
און מיט אַ פּנים פון אַ מאַלפּע,
שטעקט אַרויס אַ צונג, מאַכנדיק
חוזק פון אַ שוטה,
וואָס שטייט אין סאַמע תּוהו-ובוהו
און חלומט פון אַ וועלט פון האַלב שאָטן
און האַלב זון...

איך זע...

איך זע אַ גרויסע שוואַרצע האַנט
אין דער בלויער נאַכט.
מיין הארץ שלאָגט איינס:
די נאַכט איז בלוי.
מיין הארץ שלאָגט צוויי:
די האַנט איז שוואַרץ
און אַ לויטער ווידערקול
קלינגט אונטער די בערג דאָרט:
די נאַכט איז בלוי,
די נאַכט איז טיף,
דער וועג איז ווייט,
דער וועג איז ווייט,
איך האָרך.
איך זע:
אַ שוואַרצע גרויסע האַנט
אין דער בלויער נאַכט.

* *
*

אַלע וואַסערן זיינען פאַרגליווערט,
נאָר די טרערן-ימים ניט,
זיי קאָכן וואָס אַמאָל נאָך הייסער
פון מיין בלוט.

און קעפּ שטרעקן קאַלטע שרצים,
איבער אַלע וועגן לאַנג,
פלייש, דיין פלייש גיב צו פרעסן זיי,
זיי דאַרפן ניט דיין געדאַנק.

1924

* *
*

אויף די ווייטע מילך-וועגן
בלאָנדזשעט אום מיין זעל.

אויף די ווייטע מילך-וועגן,
ערגעץ פאַר גאָטס שוועל,
וואַלגערט זיך אַ ווייסע טויב
אין דימענטן-שטויב.

אויף די ווייטע מילך-וועגן
האָרך, אַ גרויס געוויין!
אוי, ווייטע, ווייטע מילך-וועגן,
ווי לאַנג איז נאָך צו גיין?

1925

מיין קראַנקנבעט.

ס'איז די צייט פון בין-השמָשות,
אין מיין צימער כ'בין אַליין,
דורך דער וואַנט פון שָכנס וואוינונג
אַ קָול זינגען קומט אַריין.

כ'ליג אין בעט דאָ, איך בין קראַנק איצט,
אוי, דאָס קול ווי טרויריק קלינגט,
די מְשָרתֶת פון מיין שְכן
וואַשט די וועש און טרויריק זינגט.

כ'הער גאָר מער ניט, נאָר דאָס זינגען,
זייגער-קלאַפּן נאָר און נאָר,
אַ פּאָר טעג שוין ליג איך קראַנק דאָ,
יעדער לאַנג איז ווי אַ יאָר.

כ'האָב קיין מורא פאַר דעם טויט ניט,
וואָס האָט לעבן דען אַ ווערט,
איצט מיין האַרץ איז פול מיט יאוש,
איך ליג קראַנק דאָ און פאַרקלערט.

חוזק... שטותים... איז די וועלט גאָר...
טראַכטנדיק כ'האָב זיך פאַרהוסט,
שטאַרק דערשראָקן כאַפּ די האַנט איך,
מעסט די היץ זיך פון מיין ברוסט...

שבועות צווייגעלעך.

מיין מאַמען זאָל לעבן
און געזונט זיין.

גרינע צווייגלעך פון מיין יוגנט
שוועבן אין מיין חלום אום,
ווען איך בין געווען אַ קינד נאָך,
אַ קליין קינד נאָך גוט און פרום.

איז די נאַכט איצט טיף און פינסטער,
און דאָס לעבן איז אַ שטייג,
ברענגט פון ווייטן פרילינג ריחות
מיר מיין יוגנט אירס אַ צווייג.

פורפור - רויט געווען דער הימל
און די ביימער לויטער סוד,
האָט געבלאָזן אַ קלייןווינטל,
האָב געהערט איך אָטמען גאָט.

כ׳האָב געהערט דאָס קול פון שדי
אין איעדן בוים פון וואַלד,
און נאָך פסח שוין געפרייט זיך —
באַלד קומט שבועות, גיך און באַלד.

באַלד קומט שבועות, אָט דער יום - טוב
פון דער תורה, צען געבאָט,
וואָס מיר צרות, ווען מיר צרות!—
כ׳בין אַ ייד און כ׳האָב אַ גאָט.

טאַנצן, שפּרינגען — טאַנצן, זינגען,
אין די וועלדער פראַנק און פריי,
און אונז יינגלעך פון דעם חדר
באַלד באַווייזט זיך אדוני.

אָט בּאַוויַיזט דער גאָט פֿון סנֶה זיך,
אין אַ קלייַנעם דערנער-בּוים,
ער דער חתָן, מיר די כּלָה,
קוק דער זון איר גאָלדנעם זוים.

קוק דער זון איר גאָלדנעם זוים אָן,
אַ בּאַדעקנס פֿאַר אונז בּייד',
און מיר ייִנגלעך האַקן צווייַגן,
חופּה-דרענגלעך גאָר אַ פֿרייד.

און די פֿייגל זינגען כּלי-זמר,
האָרך, זיי שפּילן טאַנץ-מוזיק,
און מיר ייִנגלעך מיט די מעסערס
האַקן צווייַגן כאַק און כיק!

אַך, צייט דעמאָלט אַ סך מעסערס
אונז'רע העלזער כיק און כאַק,
גרינע צווייַגלעך, האָט ניט מורא,
כ'האָב קיין מעסער, כ'האָב קיין האַק.

כ'האָב אַ פֿידל בּלויז אַן אַלטן
און ער זינגט מיר טרויריק, טריב,
גרינע צווייַגלעך פֿון מייַן יוגנט,
הייליק זענט איר, כ'האָב אייַך ליב.

ווען די נאַכט איז טיף און פֿינסטער,
און דאָס לעבן איז אַ שטייג, —
כ'מאַך אַ סמיטשעק זיך אַ נייעם,
פֿון מייַן יוגנט אירס אַ צווייַג.

און ער שפּילט מיר ווידער פֿריילעך,
פֿון דער תּורה, צען געבאָט,
וואָס מיר צרות, ווער מיר צרות —
כ'בּין אַ ייִד און כ'האָב אַ גאָט.

קלויזענבורג. 1928

שבועות.

פלעג אַמאָל איך טאַנצן, שפּרינגען,
פרייען זיך, אַז יום-טוב קומט,
פריי פון רבי, פריי פון חדר,
ניט געקנעלט און ניט געברומט.

היינט אַז יום-טוב שמעקט מיט פרילינג,
ס'גרינען גאָרטן, בוים און וואַלד,
איז די שמחה גאָר אַ פולע,
און אַ פויגל אונטערשאַלט.

פויגל, פויגל, זיסער פויגל,
וואו זשע ביסטו גיך אַוועק?
שוואַרצע פייגל, שוואַרצע קראָעס,
שפּרייטן אויס אַ שוואַרצע דעק.

פריי פון חדר, פריי פון רבי
בין אַ גאַנץ יאָר איך אַצינד,
אָבער יום-טוב קומט גאָר מער ניט,
יום-טוב קומט נאָר צו אַ קינד...

* *
*

ס׳איז אַמאָל געווען אַן אָוונט.
אַן איילבערטבוים האָט געבליט איבער אונזער קאָפּ.
זייט דעמאָלט בליט אַזוי קיין שום בוים ניט מער.

אַליין בליט ער און פינקלט אַריין
אין טונקלקייט פון מיינע אָוונטן,
ווי אַ גרויסע, קרישטאָלענע טרער.

און זי ציטערט
אויף די פעדים פון אַ פאַרהאַלטענעם
איינציקן זיפץ;
ס׳איז אַמאָל געווען אַן אָוונט.

מיר זיינען צוויי ווייסע נשמות.

מיין שוועסטער יהודיתן.

מיר זיינען צוויי ווייסע נשמות,
מיר פאַרבן-אָן ווייס דאָ די נאַכט,
און ווער ס׳איז באַדריקט אין דער פינסטער,
זיין האַרץ אָטעמט-אויף איצט און לאַכט.

מיר זיינען צוויי ווייסע נשמות,
מיר יאָגן די וואָלקן אַוועק,
און האָבן די פליכט שוין דערפילט מיר,
מיר לויפן אַוועק צום אַ ברעג.

דאָרט קומט זיך אַ שיף אָן פון וויטן,
מיר טריבן צוויי ווייסע ווי שניי
זיך זעצן אַרויף אויף דעם זעגל
און רופן אַרונטער: אַדיעי!

1919

ראש השנה תר״פ.

און נאָך אַ יאָר און נאָך אַ יאָר,
(אָט באַלד ווערן גרוי מיינע האָר).

איך געדענק שוין קיין טאָג ניט, נאָר נאַכט,
(גאָט, וואו איז אַצינד דיין גרויסע מאַכט?)

אַזאַ מין יאָר איז נאָך ניט געווען,
(אוי, ווי לאַנג כ'האָב קיין זון ניט געזען).

אויף דעם האַרץ ליגט אַ משא שווער,
(גאָט, אין יעדן אויג גלאַנצט אַ טרער).

גאָט, האָסטו נאָך עפּעס אַ גוט וואָרט?
אויב ניט — זאָל דאָס יאָר בלייבן דאָרט!

*   *

*

אונטער די בערג דאָרט שוין פלאַקערט אַ פייער,
עס ווערט איצט פאַרברענט דער טאָג,
מיטן אויג דיינס דעם גרויסן אויב זעסטו דאָרט שטראָמען
דאָס בלוט פון מיין האַרץ מיר, זאָג?

מיטן אויג דיינס דעם העלן אויב זעסטו דאָרט שטראָמען,
דאָס בלוט פון מיין האַרצן מיר, זאָג;
פאַרוואָס - זשע, אוי, קלאָגט נאָר אַ איינזאַמער פויגל
אויפן טויט פון מיין האַרץ מיט דעם טאָג?

רויזן=טויער.

דעם אָנדענק פון מיינע יונג פאַרשטאָרבענע
צוויי ברידער, לייביש און הערשל, געהייליקט.

רויזן - טויער פאַר מיין הויז,
פייגל שפּילן פול דעם רוים,
שמייכלט זיס אַ יונגע רויז,
ווי אַ קליין קינד אין זיין טרוים.

פייגל שפּילן פול דעם רוים,
חלומט זיס אַ יונגע רויז,
ווי אַ קליין קינד אין זיין טרוים,
אָגט דער מלאך: באַלד ווערסט גרויס.

זאָגט דער מלאך: וואַקס דו קינד,
חלומט ס'קינד זיך שטיל און זיס:
באַלד שטעל איך זיך אויף די פיס.

חלומט שטיל אַ יונגע רויז,
פייגל שפּילן: באַלד ווערסט גרויס,
און בּגנֵבה קומט דער ווינט...

מיר גייען אין וואַלד.

צו אבני.

איצט גייען מיר ביידע, מיר גייען אין וואַלד,
אָך, קום טאַקע שנעל שוין און זאָג מיר ניט: באַלד.
די נאַכט האָט פאַרשפּרייט שוין איר פינסטער געצעלט,
און בלוי איז דער הימל און פינסטער די וועלט.
אָך קום שוין, נו, שנעל שוין, די לבנה זי שיינט,
זי לייכט אונז דעם וועג דאָרט און רופט אונז נאָך היינט,
אונז שטערט קיין שום גרויז ניט, אונז שטערט קיין שום צוים,
אונז רופט יעדעס גרעזל, אונז רופט יעדער בוים,
אָך, נעם מיך אין אָרעם און קום מיט מיר מיט,
און לאָז פון מיר אָפּ ניט קיין איינציקן טריט,
אונז רופט יעדעס ביימל, אונז רופט יעדער בלאַט,
פון מענטשן, פון שדים, מיר זיינען שוין זאַט,
איך ציטער, דו ועסט? מיר איז וואַרעם און קאַלט,
אוי, נעם מיך אין אָרעם און גיי מיר אין וואַלד.

און קוק, פאַר די פיס אונז זיך כליאַפּעט דאָס בלוט,
און בלוט-בלומען שפּראָצן און יעדער זאָגט: גוט,
נו, קום שוין, נו, קום שוין, מיר גייען אין וואַלד,
מיר קוקן ניט אָן דאָרט אַ מענטשן-געשטאַלט,
מיר לעבן ווי ביימער, ווי צווייגעלעך גרין,
מיר לעבן ווי פייגל, ווי בלימעלעך בלי'ן,
אוי, מיין ניט — אַ חלום וואָס איך צו דיר רעד,
מייג' אַלע חברים זיי גיב איך אַ גט,
איך וויל זיך פאַרקריכן מיט דיר נאָר אַליין,
און גליקלעכע וועלן מיר ביידע דאָרט זיין,
ניט זען און ניט הערן נאָר ס'ליד פון נאַטור,
און טרינקען די לופט נאָר, וואָס ריין איז און קלאָר,
אוי, הער שוין גאָטס שטים צו, וואָס רופט דאָרט און שאַלט!
אוי, נעם מיך אין אָרעם, מיר גייען אין וואַלד!

אַך, וואָס איז געשען דיר, אוי קום גיך אַהער,
ס'שיינט די לבֿנה און אין אויג דיינס אַ טרער,
מיר זיינען ביים באַרג שוין און אַלצדינג איז בלוי,
דיין פּנים נאָר פינסטער, די אייגעלעך גרוי,
אַך, וואָס איז געשען דיר, זאָג שנעל מיר שוין, זאָג,
צי האָסטו פאַרבענקט זיך נאָך נעכטיקן טאָג?
אוי, לייג צו דיין אויער, לייג'ס צו צו מיין האַרץ,
האָב גאָר ניט קיין מורא, דאָרט ברומט ניט דער שמאַרץ,
פאַרגאַנגען אויף אייביק, וואָס האָט אָפּ זיך געטאָן,
איצט גיי'ן מיר אַקעגן גאָר אַנדערע שעהן,
עס שיינט די לבֿנה, די נאַכט אַזוי שטיל,
דער שטן פון הינטן איז שיכּור און דיל,
ער האָט קיין שום שליטה, מיר לאַכן אים אויס,
די נאַכט אַזוי הייליק, די נאַכט אַזוי גרויס,
— באַלד ליגן מיר ביידע ביי גאָט אין זיין שויס —
וואָס איז מיט דיר ווידער? וואָס ביסט אַזוי בלאַס?
די גראָזן פון טוי, פון טרערן דיין אויג נאַס,
מיר דאַכט זיך, דו האָסט נאָר ליב דווקא דעם טאָג,
דאָס ברומען, דאָס רוישען פון צער, פון פּלאָג,
הער אויף שוין, הער אויף שוין און קום גיך אַהער,
און וויש פון דיין אויג אויס די בלוטיקע טרער,
און כאַפּ גיך אַ שטראַל אויף פון לבֿנה, פון פּראַכט,
ר'זאָל לייכטן אין האַרץ דיינס דעם סוד פון דער נאַכט,
בשעת גאָט וועלן זען מיר, דער הימל זיך שפּאַלט,
אוי, האַלט מיך אין אָרעם, מיר גייען אין וואַלד!

מיר זיינען אין וואַלד שוין, מיר זיינען אין וואַלד,
וואָס ביסט אַזוי בלאַס דו, וואָס ביסט אַזוי קאַלט?
אוי, קוק ניט אַהינטער, אויפן עבֿר צוריק,
פון הינטן אַ ים רעשט, צעריסן די בריק.
מיר דאַרפן די בריק ניט,
מיר גייען צוריק ניט,

אַך, הער ווי די כוואַליעס זיי ברומען מיט צאָרן,
דאָס קול פון דעם עָבֿר דערשטיקט איז געוואָרן,
מיר דענקען אָ גאָרניט, מיר זיינען אַליין,
אַך, זע די לבנה איר טייערן שיין,
און האָרך, ווי די בלימלעך זיי שמועסן בסוד,
און פייגל דערציילן זיך וואונדער פון גאָט,
און מאָרגן וועט שיינען אַ זון פון ריין גאָלד,
אָט, זעסטו, דאָס אַלצדינג, דאָס האָב איך געוואָלט,
זיי זאָלן אונז לייכטן, זיי זאָלן אונז בייד',
געטיילט האָבן צַער מיר, מיר טיילן אויך פרייד,

נאָר קוק ניט אַהינטער, נאָר קוק ניט צוריק,
נאָר האַלט מיך, נאָר פעסט מיך, צום האַרץ דיינס מיך דריק,
דערנאָך קומט אַ חלום פון כישוף געפלויגן,
אַ גינגאָלדפליגל איבערן קאָפּ אונז געצויגן,
אין שיכּרות, אין זיסקייט מיר ווערן דאָ אַלט,
און בלייבן אין וואַלד שוין, פאַרבלייבן אין וואַלד!

ווין 1918.

אין פּאַרק.

ד״ר פּאַטאַיען, דעם יידן
און דעם דיכטער.

איך זיץ אַליין, אין פּאַרק אַליין,
און קוק זיך, קוק זיך צו,
דער פּאַרק איז שטיל, דער טייך איז שטיל,
ס'איז שבת אינדערפרי.

דאָס לעבן קוים, באַוועגט זיך קוים,
אין שיינעם, גרינעם פּאַרק,
די צווייגן שטיל, די לופט איז שטיל,
דער שר פון ווינט איז קאַרג.

ער שיקט אונז נאָר, גאָר זעלטן נאָר,
אַ קליינעם, ווייכן הויך,
צי קאַרג איז ער, צי מיד איז ער
און האַלט גאָר שבת אויך?

איך זיץ אַליין, אין פּאַרק אַליין,
איך זיץ און זין און זין,
איך דענק זיך נאָך, איך קלער זיך נאָך
און ווייס ניט וואָס איך בין.

אַ סאָסנעצווייג, אַ ווערבעצווייג,
וואָס בייגט זיך הין און הער?
איך זיץ אַליין, אין פּאַרק אַליין,
איך זיץ און קלער און קלער.

אַ וועלקער בלאַט, אַ דאַרער בלאַט
פון גאַנץ אַ פּוסטן בוים,
אַ פויגל-ליד, אַ שוואַנען-ליד,
אַ בלאָז פון טייך, אַ שוים?

צי בין איך סתם, אַ מענטש נאָר סתם,
און ניט קיין גוי, קיין ייד,
צי אפשר גאָר, מיין זיידנס גאָר
אַ טרויריק וויטאָג-ליד.

אויס חתונה...

גראקסן אונטער קליינע מיידלעך
און קיין איינע ניט פאַר מיר,
נעם, אוי ברודער האַרף די ריגלען,
קאָנסט פאַרמאַכן שוין די טיר.

ס׳קלאַפּט קיין פּוס ניט אויף דיין שוועל מער,
קיינער שטערט ניט מער דיין רו,
טו-זשע, ברודער, ווי איך ראַט דיר,
נעם די טיר און האַק זי צו.

שוין געגנוג געווען די אורחים,
כּיינסטע שפּייזן ווערן מיאוס,
אָפּגעטרונקען שווערע וויינען,
איז מנוחה, אוי ווי זיס!

אויסגעבלאָנקעט אַלע גאַסן,
צייט צו זיצן שוין אין שטוב,
נאָכן זומער קומט דער ווינטער,
נאָכן לעבן קומט דער גרוב.

מיין שבועות-ליד.

מיין טאטן ר׳ יחיאלן
א נחמה-זאלבל.

איטלעכס יאָר אַ שבועות קומט,
הייב איך אָן צו זינגען,
כ׳זע די סטאַדעס לעמער גיין,
כ׳הער די גלעקלעך קלינגען.

גלוסט זיך לויפן נאָך זיי,
מיט זיי שפרינגען, טאַנצן,
קומען מחנות פייגל אָן,
גאָלדנע פליגל גלאַנצן.

גלוסט זיך פליען מיט מיט זיי,
פליען אין די הייכן,
אַלץ וואָס כ׳האָב פאַרלאָרן דאָ,
וויל איך דאָרט דערגרייכן.

איטלעכס יאָר איך זוך אַרום
אַ גאַנץ נייע אבידה,
הייער וויל איך זוכן דאָרט
ר׳ איציקן, מיין זיידע.

געווען אַן אַלטער קאַרשנבוים,
וואָרצלען פויל, פאַרדאָרבן,
— דער אַלטער בוים ר׳לעבט נאָך אַלץ,
מיין זיידע איז געשטאָרבן. —

צווייגן ר׳האָט געהאַט אַ פראַכט,
אונטער זיי מיר ליגן,
און מיין זיידע איציק זינגט
דעם אַקדמות - ניגון.

אַלע ייִנגלעך שפּרינגען אום,
ווי די ווילדע ציגן,
און איך האָרך מיין זיידע פרום,
דעם אַקדמות - ניגון.

כ'זע די סטאַדעס לעמער גיין,
כ'הער די גלעקלעך קלינגען,
הייער כ'וויל ניט שפּרינגען, ניין,
כ'וויל אַקדמות זינגען.

געענוג געשפּרונגען אַ גאַנץ יאָר,
ס'נֶפֶש זיך פאַרדאָרבן,
שבועות וויל איך ריין זיין, קלאָר,
ווי זיידע וואָס געשטאָרבן.

ס'קומען מחנות פייגל אָן,
טראָגט מיך איך די הייכן,
צי וועל איך געפינען וואו
מיין זיידעניו דעם בלייכן?

תרפ"ו.

קריאת־שמע.

ס'איז הייליק און שטיל שוין די נאכט איצט אין דרויסן,
ס'איז הייליק און שטיל שוין מיין צימער,
און צווישן די סודות פון נאכט הער איך רוישן,
דעם עברס א בלייכיקן שימער.

כ'וויל ווערן אנטשלאפן, מיר לויכן צוקאפנס
פארבייע די פארגאנגענע יארן,
כ'האב לאנג שוין, אוי לאנג שוין די קריאת־שמע פארגעסן,
כ'האב לאנג שוין מיין גלויבן פארלארן.

כ'וויל ווערן אנטשלאפן, איך קאן ניט, איך קאן ניט,
איך פיל אויפן הארצן א פרעסן,
עס ווײנט זיך, עס בעט זיך א תפילה, א תפילה,
און איך האב די קריאת־שמע פארגעסן.

עס ווײנט זיך, עס בעט זיך א תפילה, א תפילה,
איך פלעג זי אמאל שטיל צו זאגן.—
איך זשומע, איך זשומע, עס גייט ניט, עס גייט ניט,
דאס הארץ הערט מיר אויף באלד צו שלאגן.

איך זוך אין דער פינסטער ארום נאך דער תפילה,
דאס הארץ הערט מיר אויף באלד צו שלאגן,
און פלוצלונג דו קומסט ווי א מלאך געפלויגן,
אויף נאכטיקע ווינטן געטראגן.

דערלאנגסט שטיל דיין האנט מיר, דורך פינסטער און סודות,
דיין האנט מיר, די ווייכע, די טרייע,
איך לייג זי אויפן הארצן און זינג מיט כוונה
א הייליקע תפילה, א נייע.

און ווער איך אַנטשלאָפֿן, מיר לויפֿן צוקאָפּנס
לבֿנות און שטערן און זונען,
גלייך וואָלט איך די הייליקסטע קריאת-שמע מיין לעבנס,
דעם הייליקסטן גלויבן געפֿונען.

דיין נאָמען.

און הייליק איז מיר איצט דיין נאָמען,
איך זאָג אים אַרויס מיט אַ ציטער,
ווי כ'פלעג אַרויסזאָגן אַלס קינד נאָך
די נעמען פון אונזערע מיטער.

די נעמען פון שרה, פון רבקה,
פון רחל און לאה, אינאיינעם
זיי פלעג איך אַמאָל אָנצורופן,
און מורא געהאַט ניט פאַר קיינעם.

איצט רוף איך אַליין נאָר דיין נאָמען,
מיר דאַכט זיך — דו שטייסט מיר דערנעבן,
מיך פירסט ביי דער האַנט ווי אַ מלאך,
באַהיטסט מיר, באַשיצט מיר מיין לעבן!

און פלעג איך אַמאָל אין פאַרנאַכטן
צו גיין אויף פאַרלאָזענע וועגן,
מיר ביילנדיק זיינען געקומען
די מחנות פון כלבים אַקעגן.

און האָב איך גערופן דעם נאָמען
פון יעקב, דעם פאָטער, דעם גוטן,
דאַן בין איך זיך מוטיק געגאַנגען
דאָרט צווישן די כלבים אינמיטן.

און איצט אויף מיר רייצט אָן דאָס לעבן
די כלבים אויף אַל' מיינע טריטן,
אוי, אסתר, איך דענק אָן דיין נאָמען
און גיי זיך דורך גליקלעך אינמיטן.

און הײליק איז מיר איצט דײַן נאָמען,
איך האָב אים גאָר מורא צו זאָגן,
װי נעמען, װאָס כ'פֿלעג זײ אַלס קינד נאָך
פֿאַרבאָרגן אין האַרץ אַרומטראָגן.

װי נעמען, װאָס כ'פֿלעג זײ אַלס קינד נאָך
פֿאַרבאָרגן אין האַרץ אַרומטראָגן,
אױ, אסתּר, איך דענק אין דײַן נאָמען,
איך האָב אים גאָר מורא צו זאָגן.

אין די גערטנער פון די קושן.

אין די גערטנער פון די קושן
זיינען טויט - בלייך אַלע בלומען,
אין די גערטנער פון די קושן
מיליאָנען מענטשן קומען.
און האָט ווער זיך מיטגענומען
צו אַ בלום נאָר פון די בלומען,
אין די בלוטן פון זיין האַרצן
בליט און בליט און ווערט אַ רויטע
די בלייך - טויטע.

אין די גערטנער פון די קושן
זיינען טויט - בלייך אַלע בלומען,
און נאָר דיינע זיינען רויטע.
און זעסטו מיך אַריין נאָר קומען,
גיך אַ בלום פון דיינע בלומען!
ווייל טאָמער האָב איך זיך גענומען
איינע פון די אַנדערע בלומען,
ווערן אַלע, אַלע רויטע,
נאָר דיינע בלייך - טויטע.

וואָס גייט מיך אָן.

וואָס גייט מיך אָן, וואָס מענטשן זאָגן,
דאָס איז לויטער גייד,
איך ווייס נאָר, אַז מיין האַרץ טוט שלאָגן
פון ליב' און פון לייד.

וואָס גייט מיך אָן, וואָס מענטשן זאָגן,
אויב זיי דאָס געפעלט,
איך וועל אַוועק, אַוועק ווייט טראָגן
אונזער ריין געצעלט.

איך וועל אַוועק, אַוועק עס טראָגן,
ביז אין הימלס בלוי,
וואָס גייט מיך אָן, וואָס מענטשן זאָגן,
זיי נאָר דו מיין פרוי.

וואָס גייט מיך אָן, וואָס מענטשן זאָגן,
זיי נאָר דו מיין פרוי,
איך וועל דיך אין די הייכן טראָגן,
באָדן דיך אין טוי.

איך וועל דיך אין די הייכן טראָגן,
באָדן דיך אין פרייד,
וואָס גייט מיך אָן, וואָס מענטשן זאָגן,
דאָס איז לויטער גייד.

* *

*

אַ מיליאָן יאָרן ביסטו ווייט פון מיר
און דער וועג צווישן אונז איז אַ סך
טויזנטער קילאָמעטערס.
דו האָסט נאָר אַ קליין שטיקל צו גיין
און דו קאָנסט מיינעם דערגרייכן.
וואָרעם דיין וועג איז אַ הונדערטסטל חלק
פון מיין וועג.
און דיין וועג איז באַדעקט מיט רויזנבלעטער,
מיט סאַמעט-ווייכע רויזנבלעטער,
מיט רויטע, ווייסע, לילאָווע רויזנבלעטער,
אַלערליי פאַרבן.
און מיין וועג איז באַלייגט מיט דערנער.
און זיי צעשטעכן מיר די פיס.
ווייל איך מוז זיך אויסטאָן די שיך
און גיין באָרוועס צו דיר.
וואָרעם דער וועג צו דיר איז אַ הייליקער
און אויף אַ הייליקן וועג טאָר מען ניט
גיין אין שיך.
ער דערפילט די שווערע טריט,
ווײַנט ער און קרעכצט און וואַרפט זיך,
ווי אַ ים-פיש אויס טויזנטיאָריקע
בבא-מעשיות, בשעת מ׳קריכט אים
אַרום אויפן רוקן...
איין ריר... און איך בין אין וואַסער.
... איך האָב זיך שוין אויסגעטאָן די שיך.
איך גיי שוין. די דערנער שטעכן מיר די פיס.
דאָס בלוט שפּריצט און איטלעכער טראָפּן
לייכט אין דער זון, וואָס שיינט פון ווייטן
ווי רויטע פּערלען...

לאָז מיך ניט לאַנג וואַרטן.
עס לאָזן זיך אויס די כּוחות.
קום מיר אַקעגן, קום צו נאָענט
צו מיין וועג.
און פון דיין בליק שוין
ווערן פאַרברענט אַלע דערנער,
און פון דיין דעך שוין
שפּראָצן בלומען אויף מיין וועג אויך.
און ער ווערט אויסגעבעט מיט סאַמעט
און באַשאָטן מיט גאָלדענעם זאַמד.
קום מיר אַקעגן, דו האָסט ניט ווייט צו גיין,
דיין וועג איז אַ הונדערטסטל חלק פון מיין וועג,
און דיין וועג איז באַדעקט מיט רויזנבלעטער.
מיט סאַמעט-ווייכע רויזנבלעטער,
מיט רויטע, ווייסע, לילאָווע רויזנבלעטער,
אַלערליי פאַרבן.

צו אַ שוואַרץ מיידל.

(פון מיינע יינגסטע יוגנט־לידער)

קום, טייערע מיינע, איך פיר אַוועק ווייט דיך,
ס'איז מיאוס מיר שוין דאָ אין דער פרעמד,
דער קלימאַט דער פרעמדער מיין אָטעם דערשטיקט מיר,
די לופט דאָ מיין האַרץ מיר באַקלעמט.

דו פרעגסט מיך, פאַרוואָס ס'איז באַטריבט מיין געמיט מיר,
פאַרוואָס אַזוי טרויריק מיין ליד,
קום, טייערע מיינע, איך זאָג עס דיר דאָרט ערשט,
וואו אייביקער זומער דאָרט בליט.

ניין, טייערע מיינע, איך זאָג עס דיר דאָרט ניט,
דאָרט ווייסטו אַלצדינג שוין אַליין,
דאָרט ווייסטו יאָ אַלעס, דאָרט זעסטו יאָ אַלעס,
און פרעגסט מיך קיין קשיות מער, ניין.

האָרך, ווי עס ברומען די וואַסערן גאָר ווילד דאָ,
אָט באַלד יעדע וועל אונז פאַרשלינגט,
קום ליבער צום ירדן, מיר הערן דאָרט ביידע,
דאָס אַלט־נייע ליד ער אונז זינגט.

איך וואַש אין זיין וואַסער מיר ריין אויס די אויגן,
איך קוק ניט מער קיינמאָל צוריק,
איך וויל שוין די פרויען, די פרעמדע ניט זען מער,
ניט וועקסלען מיט זיי מער קיין בליק.

איך וואַש אויך די ליפן מיר טויזנטמאָל ריין אָפּ,
איך קוש ניט קיין פרעמדע פרוי מער,
איך קוק אין דיין אויג נאָר, איך קוש דיך אַליין נאָר,
און'אייביקע ליבע דיר שווער.

מיר זעצן זיך ביידע אריין אין אַ לאָדקע
און דו לייגסט דיין האַנט אין מיין האַנט,
אין וואַסער פון ירדן, אין עיין דיינע אויגנס
זיך שפּיגלט דאָס הייליקע לאַנד.

מיר טרייבן די לאָדקע מיט קראַפט און מיט שׂמחה,
און פליען און שוועבן געשווינד,
שאַ! שטיל! איך הער שוין ווי ס'פייפט דאָרט און זינגט דאָרט,
צווישן לולבים - צווייגן דער ווינט!

וואָס קוקסטו פאַרוואונדערט מיך היינט אָן, געליבטע?
זאָג, קלינגט אַזוי פרעמד דיר מיין ליד?
יאָ, איך זע שוין דאָס לאַנד, איך זע שוין דעם ירדן,
איך זע שוין די לאָדקע וואָס פליט.

איך זע שוין די לאָדקע, מיר פליען, מיר פליען,
דריק פעסט זיך, גאַנץ פעסט צו מיין האַרץ,
דו האָסט דאָך ניט מורא, די זון איז צו שטאַרק דאָ,
דו ביסט יאָ שוין איצט אַזוי שוואַרץ.

איך זע שוין די לאָדקע, מיר שוועבן, מיר שוועבן
אויפן וואַסער אַ לוסטיקן טאַנץ,
און קומען מיר אָן אויף דער צווייטער זייט ירדן,
איך פלעכט דיר אַ הערלעכן קראַנץ.

וואָס קוקסטו פאַרוואונדערט, געליבטע, מיך היינט אָן,
איך זאָג דיר צו היינט גאָר צופיל?
איך זע שוין דעם כּרמל, איך זע שוין דעם שׁרון,
איך פיל זייער דופט שוין, איך פיל.

איך זע שוין די רויזן, די ליליען די ווייסע,
איך פיל שוין די בלומען, דעם דופט,
און דאָ, אוי, דער קלימאַט דערשטיקט מיר מיין אָטעם,
מיין האַרץ מיר באַקלעמט דאָ די לופט.

קום, טייערע מיינע, איך פיר אַוועק ווייט דיך,
זאָג, קלינגט אַזוי פרעמד דיר מיין ליד?
איך זע שוין דעם כּרמל, דעם שרון, דעם ירדן,
איך זע שוין די לאָדקע, וואָס פליט.

* *
*

דו זאָגסט, אַז דו ווילסט מיר ניט קושן,
דו ווילסט ניט פֿאַרלעשן די גלוטן,
וואָס ברענען דאָרט טיף אין מיין האַרצן,
וואָס קאָכן מיר הייס אין די בלוטן.

דו זאָגסט, אַז דו ווילסט מיך ניט קושן,
דו ווילסט ניט דערשטיקן געזאַנגען,
וואָס קאָנען געבוירן נאָר ווערן
פֿון בענקשאַפֿטן און פֿון פֿאַרלאַנגען.

איך זאָג דיר, דו זאָלסט מיך נאָר קושן,
דיין קוש זיין זאָל הייסער ווי גלוטן,
דו צינדסט נאָך אָן שטאַרקער דאָס האַרץ מיר,
דו קאָכסט מיר אויף הייסער די בלוטן.

איך זאָג דיך, דו זאָלסט מיך נאָר קושן,
איך זינג דיר די שענסטע געזאַנגען,
דיין קוש מאַכט נאָך טויזנטמאָל גרעסער
די גלוסטונג מיר און די פֿאַרלאַנגען.

עס איז געווען אַ טייך מיין זעל.

עס איז געווען אַ טייך מיין זעל,
אַ שטילער, טיפער טייך,
אַ וואַסער שטיל, אַ שטייענדיקס,
מיט שטילע טייכן גלייך.

דיין וואַסער-שפּיגל איז געווען
אָן קנייטשן, גלאַט און קלאָר,
עס האָבן דאָרט געשפּיגלט זיך
אַל׳ מיינע יונגע יאָר.

אויב האָט די זון געשיינט, געשטראַלט
אין העלן גלאַנץ און פּראַכט,
האָט ער זי פריילעך אָנגעקוקט
און צו איר געלאַכט.

און האָבן אים לְבָנָה-נעכט,
מיט חלום-שטויב באַשיט,
ער האָט אין זיי פאַרשלאָפן זיך,
געחלומט מיט זיי מיט.

און האָבן אים די בליצן גאָר
און דונער רוי געשטערט,
ער האָט זיך קוים אַ ריר געטאָן,
געמאַכט זיך — ער ניט הערט.

און פּלוצלונג ביסט געקומען דו,
מיט שטורעם און געבריל,
מיין זעל איז איצט אַ ים וואָס ברויזט
און ברויזט און ווערט ניט שטיל.

* *
*

און זיינען דיר הייליק די לידער,
איך זינג זיי דיר, זינג זיי דיר ווידער.

און זיינען דיר הייליק די שמאַרצן,
נאָר שפּיל זיך אין בלוט פון מיין האַרצן.

און איז זי דיר הייליק מיין ליבע,
אַוועק מיט די לידער די טריבע.

איך זינג דיר די לידער פול פריידן,
אונז קאָן ניט מער קיינער צעשיידן.

און קומען צו גיין די פאַרנאַכטן,
אוי, לאָז ניט אין שמאַרץ מיך פאַרשמאַכטן.

אוי לאָז ניט פאַרגיין מיך אין שמאַרצן,
די שטימען הער צו פון מיין האַרצן.

און זיינען דיר הייליק די לידער,
איך זינג זיי דיר, זינג זיי דיר ווידער.

אין סאָסנעוואַלד.

אין סאָסנעוואַלד, אין סאָסנעוואַלד,
אין מיטערנאַכט, אין מיטערנאַכט,
וואָס זוכסטו דאָרט, מיין קינד?
זאָג, האָסטו אין מיין ליד געדאַכט,
און הערן ווילסט באַוועגן זאַכט
די סאָסנעס זיך אין ווינט?

מיין ליד איז שטיל, מיין ליד איז טיף,
ווי סאָסנעוואַלד אין מיטערנאַכט,
דער ווינט באַוועגט זיך קוים.
זאָג, האַלטסטו אויף מיין זעל מיר וואַכט?
אין סאָסנעוואַלד, אין מיטערנאַכט
זי שלאָפט אויף יעדן בוים.

וואָס שלאָפסטו ניט? וואָס שלאָפסטו ניט?
אין מיטערנאַכט, אין מיטערנאַכט
עס שלאָפט שוין יעדער בוים.
אהער האָט דיך מיין זעל געבראַכט,
זאָלסט הערן, ווי אין מיטערנאַכט
זי זינגט דיר אויס דעם טרוים.

אַך פינסטער איז, אַך פינסטער איז,
די מיטערנאַכט, די מיטערנאַכט,
איינאיינציק בלאַסער שיין,
דאָס איז מיין וועג! אָן דיר געדאַכט,
אויף אים איך האָב אין מיטערנאַכט
געוואַנדערט, אַך, אַליין.

גיי נעענטער צו, גיי נעענטער צו,
אין מיטערנאַכט, יאין מיטערנאַכט,
אַך, דאָרט צום בלאַסן שיין,

געוואַנדערט כ׳האָב, אָן דיר געדאַכט,
איצט דענקסט אָן מיר אין מיטערנאַכט,
און וואַנדערסט, אַך, אַליין.

אין סאָסנעוואַלד, אין סאָסנעוואַלד,
אין מיטערנאַכט, אין מיטערנאַכט,
וואָס זוכסטו דאָרט, מיין קינד?
צי האָסטו אָן מיין ליד געדאַכט,
און הערן ווילסט באַוועגן זאַכט,
די סאָסנעס זיך אין ווינט?

אין טיפער, טיפער נאַכט.

ס׳איז טיפע, טיפע נאַכט,
איך בין פון שלאָף דערוואַכט,
און שלאָפן קאָן איך ניט,
איך ליג זיך נאָר און טראַכט,
מיין לאָמפּ דערקאָן איך ניט,
ס׳איז טיפע, טיפע נאַכט,
ס׳איז אַלצדינג שטיל און זאַכט,
אַלצדינג שטיל און שוואַרץ איז,
וואַך, אַליין מיין האַרץ איז,
און דאָס דערציילט מיר גאָר
אַ מעשה פון דיינ׳ האָר,
פון דיין קאָפּ האָר וואָס שוואַרץ איז,
ווי טיפע, טיפע נאַכט.

אין טיפער, טיפער נאַכט,
איך ווייס — דו ביסט דערוואַכט;
אויך פון שלאָף, מיין קינד, איצט
און ליגסט זיך אויך פאַרטראַכט,
פרעג, מיין קינד, דעם ווינט איצט,
וואָס לויפט אין טיפער נאַכט
פאַרביי דיין פענסטער זאַכט,
הער נאָר, ווי ער זינגט דיר,
פרעג אים, וואָס ער קלינגט דיר,
און ער דערציילט דיר שנעל,
און דיר די נאַכט ווערט העל
פון מיין ליד, וואָס זינגט דיר
אין טיפער, טיפער נאַכט.

* *
*

און פּאָרט איז מיר בעסער אַז איך דיך באַגעגן,
און פּאָרט איז מיר לייכטער מיין האַרץ,
איך ווייס ניט איבּ זון איז, איך ווייס ניט אויב רעגן,
איך ווייס בּלויז—דיין אויג—דאָס איז שוואַרץ.

און פּאָרט איז מיר בעסער, אַז איך דיך באַגעגן
און קאָן דיר כּאָטש דריקן די האַנט
און גיין שטיל צוזאַמען און גאָרנישט ניט פרעגן
און האַסן און ליבּן אַנאַנד.

און זיינען די נעכט מיר, אוי, שלאָפלאָז פאַרגאַנגען,
געוואוסט ניט—איז טֵבת צי אָב,
מיר קלינגט איצט דיין קול ווי פון וויג די געזאַנגען!
און כ'שלאָף זיס מיין נאָכמיטאָגשלאָף..

1919

* *
*

און אָפּטמאָל מיר גייען צוזאַמען,
און ריידן ניט קיין וואָרט,
איך וויל מיין האַרץ און דיינס אויסשניידן,
קיין אַנגסט! איך וויל קיין מאָרד.

כ'וויל אַמאָל די צוויי ווילדע טיגריסן
פריילאָזן אויף אַנאַנד,
וועלן זיי זיך צערייסן — אָדער
גיבּן זיי זיך די האַנט?

סאָנעטן.

I.

דו ביסט ווי א לבנה-נאַכט אין אַפּריל,
דער הימל איז קלאָר-ריין ווי קרישטאָל,
די אויגן פייערדיקע מעטאַלן,
און פּאָרט פילט זיך—אַלע ליכטער זיינען קיל.

און בלאָזט א וואַרעם ווינטל, ס'איז ניט א שפּיל?
פון אַלטער יצירה'ס קינדער-האַלן.
וואָס קענען נאָך ניט קיין ווינטער-קוואַלן,
און אפשר קומט פּאָרט פרילינג, דו פילסט? איך פיל?

און אפשר קומט פּאָרט פרילינג מיט פּראַכט און גלאַנץ,
און פלעכט אַרום מיר א גאָלד'נעם בלומען-קראַנץ
און דערנאָך גאָר א זומער, א הייסער.

דערווייל קומט זיך יעדעסמאָל א געוויטער,
און איך קוק אים אַקעגן מיט א ציטער,
און מיר ווערט מיין פּנים ווייסער, ווייסער...

II.

אוי, מיין גאָט, האָט דאָס פאַר א טעם!
אין שטילער, טונקלער נאַכט,
פּלוצלונג פון שלאָף דערוואַכט,
און דאָס האַרץ ברויזט, קאָכט ווי א ים.

און עס ווערט גאָר ווייך ווי א שוואַם,
און לעכ'ריק לאָך אויף לאָך,
און, גאָט, וואָס ווילסטו נאָך?
און פּלוצלונג—טאַראַ-ראַם.

עס דונערט פון ווייטן א שטים,
דורך טונקל און דורך שאָטן,
און דו ווייסט ניט פון וואו זי קומט.

די נאַכט היט זיך אַרום,
— דו האָסט עס שוין דערראָטן —
דו שלאָפסט איין און אַלצדינג פאַרשטומט...

.III

איינמאָל וועסטו נאָך אין מיינע אָרעמס פאַלן,
און פאַרגיסן טרערן פיל, טרערן אָן א צאָל,
ס'וועט א ווינט, א בייזער אין דיין האַרצן שאַלן
און כליפּען וועט דער קוש, דער אַלטער פון אַמאָל,

וואָס איך האָב געדריקט דיר אויף די ליפּן הייסע,
אויף דעם מויל פון פייער מיט צויין אַזש ווי פון שטאָל,
וואָס קאַלט איז איצט און שטאַר ווי די בערג די ווייסע
אין דער קאַלטער אָוונט-שעה פון דעם צפון-פּאָל.

און ברענען וועט די בענקשאַפט אויף דעם קאַלטן מויל,
און די אויגן וועלן חרטה-פונקען שפּריצן,
בעטן: אונז'רע הערצער נאָך איינמאָל זאָלן היצן,

ווי אין יענער אָוונט-שעה, אין פאַרק, זיס און וואויל, —
און דיין תּפילה וועט גאַנץ לייז, גאַנץ לייז פאַרהאַלן,
איינמאָל וועסטו נאָך אין מיינע אָרעמס פאַלן.

איך גלייב ניט.

איך גלייב ניט דיין שטאָלצן געלעכטער,
איך גלייב ניט דיין טראָציקן שטאָלץ,
קאָנסט ריידן מיר אייז-קאַלטע ווערטער,
קאָנסט זאָגן—דיין האַרץ איז פון האָלץ.

איך קוק דיר נאָר טיף אין די אויגן,
איך זע, אַז דיין האַרץ אין דיר ברענט,
און קאָנסטו מיר טויזנט מאָל זאָגן,
דערציילן—ס'איז ליבע דיר פרעמד.

דיין לאַכן איז מער ניט ווי גאָלדפאַרב,
פאַרשמירט אויף אַ אָרון טויט-שוואַרץ,
פון דרויסן פאַרגילדעט און דרינען
קאָן ליגן פאַרברענט גאָר אַ האַרץ.

איך בעט דיך, דערצייל מיר קיין מַעשיות,
ס'איז ליבן אַ דיכטער קיין שאַנד,
עס האָבן די ווערטער פון פייער
ניט איינמאָל געמאַכט שוין אַ בראַנד.

און פייערס צולאָזן דערשטיקן,
ביז אַליין פון זיך זיי אויסגיין,
אַ שפּיל איז — ס'איז אָבער געפערלעך,
און ס'קאָן גאָר אַמאָל נאָך געשען:

אַז אין זיך נאָר ברענען די פייערס,
און ס'הויז נאָך ניט פילט, אַז עס ברענט,
און האָט עס ניט קיינער פאַרלאָשן,—
אויף איינמאָל צעפאַלן די ווענט.

און ביסטו געבויט אַזש פון אײַזן,
ס׳איז הײסער און שטאַרקער מײַן גלוט,
זי קאָן אויך דאָס אײַזן צעשמעלצן
און פרעסן פון אײַזן גאָר בלוט.

איך זאָג דיר, ניט שפּיל זיך מיט פײַער,
אַרויס, מיט די פלאַמען, אַרויס,
זײ ברענען נאָך לאַנג אין דיר װײַטער,
אויב אײנמאָל איך לעש זײ ניט אויס.

* *
*

און דאָס, וואָס האָסט איינמאָל פאַרדאָרבן,
גוט קאָנסטו ניט מאַכן צוריק,
קאָן טויזנט מאָל זיס זיין דיין לאַכן,
קאָן טויזנט מאָל הייס זיין דיין בליק.

פון ליבע געוואָרן איז פריינדשאַפט,
דו זאָגסט—ביסט צופרידן דערמיט,
איך האָרך און איך רייד ניט קיין וואָרט מער,
נאָר גלייבן — דאָס גלייב איך דיר ניט.

איך דענק אָן די שטילע פאַרנאַכטן,
מיר זיינען געזעסן ביינאַנד,
איך האָב דיר געקוקט אין די אויגן
און העכסטנס געגלעט דיר דיין האַנט.

איך האָב ניט פאַרלאַנגט, זאָלסט מיך קושן,
איך האָב ניט געזאָגט—האָב מיך ליב,
מיר זיינען געווען ביידע גליקלעך,
מיר זיינען געווען ביידע טריב.

און האָב איך גערעדט פון דער ליבע
ווי פון אַ געפערלעכער זאַך,
געזען כ'האָב אין שיין דיינע אויגנס,
אַז דאָרט אין דיין האַרץ איז אַ וואַך.

איך האָב דיר געזונגען די לידער,
און כ'האָב פון דיר גאָרנישט פאַרלאַנגט,
אַליין האָסט באַצאָלט מיר די לידער,
מיט טראָץ און מיט שטאָלץ זיך באַדאַנקט.

איך לאָז מיר דעם שפּיל ניט געפעלן,
מיר זיינען צוויי פריינד נאָר צוריק,
קאָן טויזנט מאָל זיס זיין דיין לאַכן,
קאָן טויזנט מאָל הייס זיין דיין בליק.

די ליבע פאַרגייט און די פריינדשאַפט
בלייבט אייביק און לעבט מיט אונז מיט,
איז אמת, דו ביסט גאַנץ צופרידן?
נאָר גלייבן — דאָס גלייב איך דיר ניט.

* *
*

איך פיל ניט—אין דרויסן איז ווינטער,
ס׳איז זומער בײַ מיר אין האַרץ,
און קוק איך אַרום אין דער נאַכט זיך,
איך דענק — דײַנע האָר זײַנען שוואַרץ.

און קוק איך אַרויף צו די שטערן,
זיי קוקן מיך אָן מיט גרויס פרייד,
אָפט האָב איך פאַר זיי אויסגעגאָסן
מײַן שרעקלעכן ווייטאָג, מײַן לייד.

איצט זײַנען זיי לוסטיק און פריילעך,
דאָס בלויע געצעלט זייערס בליט,
איך זינג זיי פון זייערע שוועסטער,
פון דײַנע צוויי אויגן אַ ליד.

און הייב איך אָן ווייטער צו זינגען,
אַז היינט בין געוועזן איך בײַ דיר,
די שטערן דאָרט אויבן זיי לאַכן,
זיי זאָגן, זיי ווייסנ׳ס שוין פריער.

דו ביסט געווען אַ בלום.

דו ביסט געווען אַ בלום ווי אַנדערע בלומען·
בשעת כ׳האָב דיך צום ערשטן מאָל דערבליקט,
ביסטו געווען אַ בלום ווי אַלע אַנדערע בלומען.
ס׳איז געווען פרילינג.
די נאַטור האָט געפייערט איר פרילינג-יום-טוב.
מיין לעבן איז אויך געשטאַנען אינמיטן פרילינג.
איך בין געגאַנגען אין גאָרטן אַריין
דער נאַטור אַ יום-טוב-באַזוך צו מאַכן.
דער גאָרטן איז געווען פול בלומען.
און אַז איך זע בלומען, הייבט אָן מיין האַרץ זינגען.
און אַז די בלומען הערן מיין זינגען,
ווערן זיי פון מיין ליד אַרומגעציטערט,
און זיי שטרעקן צו מיר זייערע רויטע, הייסע ליפּן.
איך האָב דערפילט דיינע.
פאַרוואָס גראָד דיינע, ווייס איך ניט.
דו ביסט געווען אַ בלום ווי אַנדערע בלומען.
ס׳איז געווען אַ צופאַל, אַזוי ווי אַלצדינג.
און איך האָב דערפילט דיינע,
איינציק אַליין דיינע,
צווישן אַנדערע הונדערטער, טויזנטער, מיליאָנען בלומען.
איך האָב דיך אַפירגענומען צאַרט, פיין,
און כ׳האָב געגלעט דיינע בלעטער מיט זיידענע פינגער,
און כ׳האָב דיר געזונגען, אַ ליד דיר.
ס׳איז געוואָרן פאַרנאַכט, האָב איך זיך
אָפּגעזעגנט פון דיר
און דיר געזונגען, אַ ליד דיר.
און ביינאַכט האָב איך געקושט אין חלום
דיינע רויטע, הייסע ליפּן.
און דיר געזונגען, אַ ליד דיר.
און אין דער פרי בין איך ווידער

געקומען צו דיר
און דיר געזונגען אַ ליד דיר,
און טאָג-טעגלעך האָב איך דיך געדריקט
צו מיין האַרץ
און געזונגען אַ ליד דיר,
און די קלאַנגען פון מיין ליד
זיינען געפאַלן אויף דיינע בלעטער
ווי טוי.
און דו ביסט געוואָרן טאָג-טעגלעך
שענער, שענער.
דיינע בלעטער האָבן זיך געבאָדן און געבליט
אין דעם טוי פון מיינע לידער
און דו ביסט געוואָרן די שענסטע בלום.
און טאָג-טעגלעך האָב איך דיך געדריקט צו מיין האַרץ,
און טאָג-טעגלעך האָסטו זיך געדריקט צו מיין האַרץ,
און איך האָב געזונגען און דו האָסט געבליט.
און איינמאָל — דו ביסט שוין געווען געוואוינט
מיט מיין ליד —
האָב איך דיך צוגעדריקט צו מיין האַרץ,
און געוואָלט דיר זינגען אַ ליד דיר,
האָב איך דערפילט אַ שטאָך,
אַ שטאָך פון אַ דאָרן.
און דאָס בלוט פון מיין האַרצן
האָט זיך אָנגעהויבן גיסן
און איך האָב ניט געקאָנט זינגען מער,
און זינט דאַמאָלסט
דו בליטסט ניט מער און איך זינג ניט מער.
קיין ליד דיר מער.
און קום איך אין גאָרטן אַריין
זע איך דיך ווידער,
ווי ווען כ'האָב דיך צום ערשטן מאָל דערבליקט,
אַ בלום ווי אַלע אַנדערע בלומען.

און די וואונד פון מײַן האַרץ איז געהײלט,
און קום איך אין גאָרטן, זינג איך ווידער
און אַלע, אַלע בלומען:
שטרעקן צו מיר זײערע רויטע, הײסע ליפּן...

ט ר ע ר ן.

I.

זיך האָבן די פלאַמען מיין האַרצנס
גענומען אַ ביסל שוין שטילן,
און דעמאָלסט געזען כ׳האָב די אויגן
גאָר דיינע מיט טרערן זיך פילן.

דאַן טרערן געראָנען ווי בוימל
און ווידער צעפלאַקערט דאָס פייער,
איצט רינט מיר דאָס בלוט פון מיין האַרצן,
זאָג, זיינען די טרערן אַזוי טייער?

II.

אַ טרערעלע, אַ פּערעלע
פון אויג אַרויסגעשוואומען,
געשיינט האָט עס, געוויינט האָט עס,
ווי טוי אויף פרילינג-בלומען.

אויפן בעקעלע אַ גלעקעלע
האָט פרילינג אויסגעקלונגען,
איצט זאָג איך דיר, איצט קלאָג איך דיר,
אים וויל קיין פויגל זינגען.

III.

און אָפטמאָל גאָר זאָג איך זיך: ניין!
די טרערן זיי זיינען אויך ליגן,
דו ווילסט מיר פאַרבלענדן די אויגן,
דו ווילסט מיר נאָך פאַלשער באַטריגן.

און אָפטמאָל גאָר זאָג איך זיך: ניין!
איך לאָז זיך שוין מער ניט באַזיגן,
איך וויל גאָר די טרערן ניט זען מער,
די טרערן זיי זיינען אויך ליגן.

.IV

מיר זיינען געווען אַמאָל גליקלעך,
איך דענק אָפּט אַ טאָג, אָפּט אַ נאַכט,
דער טאָג איז געווען לויטער פריילינג,
אין דער נאַכט האָבן שטערן געלאַכט.

איצט זיצסט לעבן מיר דו און וויינסט גאָר,
אין דרויסן אַ פינסטערער רוים,
מיר זיינען געווען אַמאָל גליקלעך,
עס קלינגט גאָר ווי עפּעס אַ טרוים.

.V

עס איז ווינטער, מיין קינד, עס איז ווינטער,
די בלומען זיינען אַלע שוין טויט,
וואָס וויינסטו, זאָג, האָסטו דערמאַנט זיך,
אַז זיי זיינען געווען אַמאָל רויט.

פאַרוואָס האָסטו דערמאַנט אַזוי שפּעט זיך,
ווען דיין אויג, אוי, שוין נאַס איז און מיד?
פאַרוואָס האָסט זיך אויף זיי ניט דערבאַרעמט,
ווען אין אויג דיינס האָט פריילינג געבליט?

.VI

ענדלעך איז דיין שטאָלץ געבראָכן,
און דיין אויג איז נאַס,
און דיין האַרץ, ווי מיינס צעבראָכן,
און דיין פּנים בלאַס.

איינעם בין איך איצט מקנא,
דער וואָס קומט נאָך מיר,
כ'האָב געאָפּערט מיינע כּוחות,
עפנען אים די טיר.

VII.

מען זאָגט, אַז נאָר איינמאָל אין לעבן
האָסטו ערנסט און ביטער געוויינט,
ס'איז דאַמאָלסט דיין טאַטע געשטאָרבן,
ס'האָט דאַמאָלסט די זון ניט געשיינט.

צולעצט לעבן מיר ביסט געזעסן,
ס' האָט ווידער די זון ניט געשיינט,
זאָג מיר, ווער איז איצט דיר געשטאָרבן,
דו האָסט דאָך שוין ווידער געוויינט?

VIII.

דו האָסט אַ פּאָר טרערן פֿאַרגאָסן,
אַ ים איז געוואָרן פֿון זיי,
און קוק איך זיך אָן דאָרט מיין צורה,
דאַן זע איך געשטאַלטן דאָרט צוויי.

פֿאָרט בין ווי אַ אינזל איך איינזאַם,
איך שטיי אַ פֿאַרלוירענער תּם,
קוים וויל מיט אַ ווינטל איך פֿליען,
שניידט אָפּ מיר די וועגן — דער ים.

IX.

אַ בינטל כּתבים אין דיין האַנט,
דאָס זיינען מיינע לידער,
דו קאָנסט פֿון זיי ניט שיידן זיך,
דו וויינסט, דו וויינסט שוין ווידער.

„שענק, שענק זיי מיר, מיר זיינען זיי
דאָס הייליקסטע געבליבן" —
טויטע, טויטע מאַנוסקריפּטן,
איך האָב אייך אָנגעשריבן.

.X

און פון מיין זעל גיסט זיך אַ ליד נאָך אַ ליד,
ווי פון דיין אויג פליסט זיך אַ טרער נאָך אַ טרער,
ווייל שווער איז מיין האַרץ שוין פון לידער און מיד,
און מיד איז דיין האַרץ שוין פון טרערן און שווער.

איך שניר־אויףּ אויפן פאָדעם, וואָס פאַרבינדט אונז ביידע,
אַ ליד און אַ טרער און אַ ליד און אַ טרער,
דאַן לאַכט אַ שנירל פערל ווייט, וועק איבער דער צייט,
ווען איך זינג שוין ניט מער און דו ווייִנסט ניט מער.

צוריק...

דעם פרעמדשפראכיקן אָבער אמתן נשמהדיק־יידישן דיכטער
פעטער אייוואַרין
— האַרציק געהייליקט. —

צוריק אין שטאָט דער גרויסער,
וואָס קאָכט און רעשט און זידט,
צוריק צום אַלטן לעבן,
צוריק צום אַלטן ליד.

צוריק צום ליד פון אַספאַלט,
פון קוימען און פאַבריק,
פון מענטשן מידע, בלייכע,
מיט פינסטער - טריבן בליק.

צוריק צום קלוב, קאַפעהויז,
צום רויך און צום מאַרמאָר,
און וואַסער נאָך פאַר מכות,
עס ווייסט דער שוואַרצער יאָר!

אַוועק פון פייגל, בלומען,
פון גאָרטן, בוים און וואַלד,
מיר זייט געזונט איר אַלע,
איך גיי שוין גיך און באַלד.

אַוועק פון אַ משפחה,
וואָס איז מיר האַרציק, ליב,
וואָס האָט מיר אַלץ געגעבן,
מיר וואַסער, ברויט און שטיב.

אַוועק פון טאַטע - מאַמע,
אַוועק פון זייער לאַנד,
אַוועק איך מוז פון דאַנען,
מיך יאָגט אַ פרעמדע האַנט,

צוריק צו די חברים,
די אַלטע, גוטע פריינד,
אַהין, וואו איך בין געוואָרן
דער גאָרנישט וואָס כ'בין היינט.

צוריק צו מיינע ביכער,
וואָס כ'האָב פאַרלאָזן לאַנג,
צוריק צו מיינע לידער,
וואָס כ'האָב פאַרמאַכט אין שאַנק.

— זיי זיצן דאָרט און וואַרטן,
ווי תפיסה'ניקס אין צעל:
ווען וועט די טיר זיך עפנען,
ווען וועט שוין ווערן העל?

ווען וועט אַן אויג זיי שענקען,
אַ וואַרעם ליבן בליק,
ווען וועט אַ האַנט זיי פירן
אויף פרייהייטס גאָלדנער בריק?

איר וועט שוין לאַנג ניט וואַרטן,
איך קום צו אייך צוריק,
צוריק צו ד'אַלטע צרות,
צוריק צום אַלטן גליק.

צוריק צו מיין געליבטער,
וואָס וואַרט מיך ביטער, שווער,
באַלד האַלזט זי מיך און קושט מיך
און אין איר אויג אַ טרער.

קלויזנבורג 1922.

מײן נײ געצעלט.

איך האָב אַ נײ געצעלט זיך געבױט
פון לױטער דעמערונג.
די נעכט זײנען געװען שלאָפלאָזע
און די טעג טריבע.
און די פרימאָרגנס גרױע, פאַרבלאָזע,
און די אָװנטן, אױ די אָװנטן,
זײנען געװען שװאַרצע, פינסטערע.
בין איך געגאַנגען און כ'האָב זיך געבױט
אַ נײ געצעלט
פון לױטער דעמערונג.
קײן נאַכט, קײן טאָג; קײן מאָרגן, קײן אָװנט,
נאָר דעמערונג.
רײנע, קלאָרע דעמערונגען.
רײנע—טרױריקע.
און טרױעריקײט דאָס האָב איך ליב.
אָפט בין איך טרױריק און כ'װײס ניט
פאַרװאָס.
אַזױ װי װען אײנער איז הײס פאַרליבט
און װער װײסט עס, פאַרװאָס?
איז דען די טרױריקײט ניט אַזױ
שײן װי אַ פרױ,
אַ מײדל,
אָדער, גאָט װײסט עס, װי װער נאָך,
װי אַ מלכּה?
האָט זי ניט אַזױנע שײנע אױגן,
מעלאַנכאָלישע?
און זי פאַרלאַנגט פון מיר ניט
קײן פאַראַדעס,
קײן גאַלאַ-טרעפּ און קײן
טעפּעך-באַדעקטע װעגן.
זי פאַרלאַנגט ניט פון מיר קײן

פינקטלעכע ראַנדעוואוס,
זי קומט צו מיר,
ווען איך האָב אַ פאַרלאַנג צו איר,
דורך וועלקע וואַלד־וועגן,
דורך שלאָפלאָזע נעכט,
דורך טריבע טעג,
דורך גרויע פאַרבלאָזע אינדערפריען
און דורך שוואַרצע, פינסטערע אָוונטן
קומט זי צו מיר צו לויפן און טוליעט זיך
צו צו מיר ווי אַ אויס דעם
שלאָפצימער
פון אַ פאַרליבטער, איינזאַמער פרוי
אַהערגעלאָפענע
שוואַרצע, קלוגע קאַץ
און אירע אויגן לויכטן גרינלעך־העל
אין מיין נייעם געצעלט.

איצט הייסט עס...

איצט הייסט עס: שטיין בלייבן אַ ביסל,
און קוקן צוריק אויף די וועגן,
וואָס זיינען געוועזן אָפּט פאַרגאָלדשטויבט
און איצט אָפּגעוואַשן פון רעגן.

איצט הייסט עס: נאָר האָרכן פון ווייטן,
פון פייגל פאַרפלויגענע — לידער
און קוקן באַטריבט צו די נעסטן,—
ווער ברענגען וועט פייגל זיי ווידער?

איצט הייסט עס: שטיל־טרויעריק מיטזינגען
דאָס ליד פון דעם ווינט אין די צווייגן,
און מיט מוט זיי שאָקלען דעם שאָטן
און וויינען, ווען זונען זיך נייגן.

איצט הייסט עס: נאָר וואַרטן ביז נאַכט קומט,
און איינמאָל נאָך ליבע דיר שווערן,
און מיט אַ שטיל ליד אויף די ליפּן
דאַן שטאַרבן אין שיין פון די שטערן.

JEWISH PUBLIC LIBRARY
LA BIBLIOTHEQUE PUBLIQUE JUIVE
MONTREAL
יידישע פאָלקס ביבליאָטעק
הספריה היהודית הציבורית